ירושלים, ערבֿ פּסח תּשנ״ה

טײַערער דוד,

באַקומען דײַן פּסח-װוּנטש אויפֿן טעלעפֿאָן, און דיר אויך אָנגעװוּנטשן אין טעלעפֿאָן. איך שיק דיר אויך אַ קורצן ״אי-מעיל״ װאָס שייך דער קאָנפֿערענץ פֿון ״איי-דזשעי-עס״, אָבער דערװײַל האָט זיך מיר פֿאַרװאָלט שרײַבן אַ לענגערן בריװ, און דאָס קומט אַרויס זייער מאָדנע אין ״אי-מייל״ מיט גויִשע אותיות.

ס׳האָט זיך מיר פֿאַרװאָלט דיר שרײַבן אַ בריװ, סתּם אַזוי אַסאָציאַטיװ, בײַם לייענען דעם סעפּטעמבער-נומער PROOFTEXTS װאָס כ׳האָב ערשט איצט באַקומען אין דעם פּעקל װאָס דו האָסט געשיקט, און װאָס האָט מיר אויסגעזען צו זײַן זייער אינטערעסאַנט: די אַרבעטן װעגן שבתּאי, די רעצענזיעס פֿון ROSENWALD און נעמי זײַדמאַן. װי אַ לייענער האָבן מיר די זאַכן פּשוט אויסגעזען אינטערעסאַנט. און כ׳פֿאַרשטיי גאַנץ גוט װיפֿל אַרבעט מע דאַרף אויף דעם אַװעקלייגן, װיל איך דיר טאַקע זאָגן אַן יישר-כּוח װאָס דער זשורנאַל איז געװאָרן אַ באַשטענדיקער יש. ס׳װערן דאָרטן טאַקע נישט געדרוקט קיין ״אויפֿרײַסנדיקע״ אַרטיקלען, אָבער ער איז דערגאַנגען צו אַ גוטער קװאַליטעט פֿון ״געװיינלעכע״ אַרטיקלען אין בעסטן זינען פֿון װאָרט. איז דאָס אַ גרויסע דערגרייכונג.

װאָס הערט זיך בײַ מיר? קודם-כּל ראַנגל איך זיך בײַם שרײַבן דעם בריװ צוליב צװיי סיבות: כ׳בין נאָך נישט געװוינט היימיש מיט דער ייִדישער קלאַװיאַטור, און כ׳מאַך אַ סך טעותים בײַם שרײַבן. דער טעמפּאָ איז אויך אַ פּאַמעלעכערער, אַזוי אַז בײַם שרײַבן אַ געװיינלעכן בריװ גייען די געדאַנקען אַ סך גיכער װי די פֿינגער. אָבער דער עיקר ראַנגל איך זיך מיט מײַנע נײַע ברילן װאָס כ׳האָב די טעג געמאַכט, ״מולטיפֿאָקאַל״, װאָס כ׳האָב באַשלאָסן צו מאַכן כאָטש איך האָב אַ ״נידעריקן״ נומער, װײַל אַנישט װאָלט מיר אויסגעקומען צו ניצן צװיי פּאָר ברילן (פֿון דער נאָענטן און פֿון דער װײַטן). כ׳האָב דאָס שוין אויך געפּרוּװט, אָבער ס׳איז מיר געװען זייער נישט באַקװעם. נו, זע איך איצט אַז בײַם שרײַבן אין קאָמפּיוטער זענען אָט די ברילן גאָר נישט קיין לײַכטער עסק...

איז דאָס איז די ״קליינע״ זאַך װאָס באַשעפֿטיקט איצט מײַן זינען. און די גרעסערע זאַכן? כ׳גיב אָפּ אַ סך צײַט אויף אַדמיניסטראַציע, װײַל תּל-אָבֿיבֿ נעמט אויך צו צײַט. געדאַרפֿט פּטרן פּאָדריאַטשיקן װי אַ ייִדיש-לערער, און װי דו פֿאַרשטייסט איז דאָס נישט קיין לײַכטע און אָנגענעמע זאַך, און איך װייס נאָך נישט צי דאָס איז געענדיקט. געדאַרפֿט זאָרגן װעגן נײַע ייִדיש-לערערס פֿאַר אָנהייבערס (אַ שעה אַ װאָך אַ יאָר) און מיטעלער (די זעלבע זאַך), און דאָס איז הײַנט צו טאָג נישט פֿון די לײַכטע זאַכן. און דעם עיקר האָב איך נאָך מיט זיי נישט געמאַכט: אַרבעטן מיט זיי װאָס און װי אַזוי זיי זאָלן לערנען.

צווייטנס גרייט זיך איצטער די דערפֿענונג פֿון דער ייִדיש-פּראָגראַם, וואָס וועט פֿאָרקומען דעם 25סטן מײַ, אין די ראַמען פֿון דער יערלעכער טרעפֿונג פֿון "באָרד אָף גאָווערנאָרס" (איך שרײַב מיט ייִדישע אותיות, ווײַל אַריבער פֿון דער ייִדיש-פּראָגראַם אויף ענגלישע אותיות איז אַ ביסל קאָמפּליצירט). פֿאַר די אָרגאַניזירערס איז דאָס אַ קלייניקייט. זיי האָבן אַזש צוואַנציק אַזעלכע אונטערנעמונגען אין משך פֿון איין וואָך. אָבער פֿאַר מיר איז דאָס וויכטיק, ליגט עס אַ ביסל אויף מײַנע פּלייצעס, און דער עיקר - איך דאַרף אַרבעטן אויף מײַן קורצן רעפֿעראַט בײַ דער געלעגענהייט, וואָס דאַרף, ווי דו ווייסט, אי זײַן פּאָפּולער (פֿאַרשטענדלעך פֿאַר די געלטגעבערס) אי האָבן אין זיך אַ ביסל אַקאַדעמישקייט (טאָמער קומען אַ פּאָר פּראָפֿעסאָרן). איז עס נישט קיין פּשוטע זאַך. דאַכט זיך אַז איך וועל רעדן וועגן אַ טעמע וואָס איז גאָר ווײַט פֿאַר מיר: "מאַנגער אין לאָנדאָן". די סיבה איז וואָס דער טאַטע פֿון דעם מעצענאַט וואָס האָט אײַנגעשטעלט די פּראָגראַם - דאָס איז וויליאַם מרגליות, אַ ברודער פֿון אַליס שלווי; זײַן טאַטע האָט געהייסן בן-ציון מרגליות - איז געווען מאַנגערס מעצענאַט אין לאָנדאָן, און מאַנגער דאַנקט אים אין דער הקדמה צו זײַנע ביכער און האָט אים דעדיקירט אויך אַ ליד. נאָך אַ סיבה איז וואָס מאַנגער איז דאָ אַ פּאָפּולערע טעמע. די פּראָבלעם איז וואָס וועגן מאַנגערן האָב איך נישט וואָס צו זאָגן. איז ווי אַזוי קען איך עס פֿאַרשטעלן? אויף דעם וועל איך אָפּגעבן די גאַנצע וואָך פֿון חול-המועד פּסח...

אויסער דעם בין איך פֿאַרנומען מיט אונדזער אַרבעט דאָ. וואָס שייך דער סעריע "שטאַפּלען" הייבט זי זיך אָן רירן: יוסף גוריס זאַמלונג פֿון ייִדישע אידיאָמען איבערגעזעצט אויף העברעיִש און רוסיש איז שוין אַזוי גוט ווי פֿאַרטיק. ווי נאָר מע וועט עס זעצן וועל איך עס שיקן צו דוד בראַון (דו קענסט אים?) ער זאָל מאַכן די ענגלישע איבערזעצונג, און דערנאָך וועט עס דערגיין צו דיר אויף מבֿינות. דאָס וועט שוין זײַן נאָך דײַן צוריקקומען פֿון פּוילן, אויגוסט-סעפּטעמבער. נאָך דעם רעפֿעראַט וועגן מאַנגערן וויל איך זיך טאַקע אַוועקזעצן אויף מײַן טאַבעלע; כ'זע אַז עס לוינט זיך אַ ביסל צו פֿאַרברייטערן די פֿאַקטן, אַ ביסל זיי צו כאַראַקטעריזירן. כאַראַקטעריזירן צײַטונגען איז נישט אַזאַ גרויסע פּראָבלעם, אָבער ווי אַזוי כאַראַקטעריזירט מען אין איין זאַץ אַ ליטעראַריש ווערק? קווענקל איך זיך. אָבער כ'וויל דאָס זאָל זײַן דאָס ערשטע ביכל.

נאָך די צוויי ביכלעך דאַרף שוין קומען אַ ביכל וואָס יצחק ניבאָרסקי דאַרף צוגרייטן. בכלל האָב איך אים "אָנפֿאַרטרויט" די עיקר-אַרבעט, ווײַל איך זע נישט איז זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיטן צוגרייטן ביכלעך (אָפּדרוקן זיי - דאָס יאָ), אָבער צווישן אונדז גערעדט, כאָטש ער איז מײַנער אַ "שטיפֿברודער", ווייס איך נישט צי ער וועט האָבן די נייטיקע ענערגיע צו אַרבעטן אין אַ גוטן טעמפּאָ. און אַ גוטער טעמפּאָ הייסט בײַ מיר - דרײַ ביכלעך אַ יאָר. לאָמיר וואַרטן און טאַקע האָפֿן, ווײַל איך שטעל אין גאַנצן אויף אים. אויב ער וועט נישט אַרבעטן זע איך נישט ווער וועט עס יאָ קענען טאָן.

דערווײַל איז אַרויף אַ פּראָיעקט פֿון אַן אַנדער ביכל: וועלוול טשערנין (כ'ווייס נישט צי דער נאָמען

מיינט עפּעס פֿאַר דיר; אַ יונגער בחור, אין די דרײַסיקער יאָרן, געקומען פֿון רוסלאַנד, דאָרטן געאַרבעט אין **סאָוועטיש היימלאַנד** , דאָ אַרבעט ער זייער ענערגיש אין די רוסישע צײַטונגען ווי אַ זשורנאַליסט, זייער אַן ענערגישער און אַן עקסטרעם רעכטער; קענען קען איך אים נישט) וויל צוגרייטן אַ ביכל פֿאַר די מיטלשולן דאָ ווו מע לערנט ייִדיש – "אַ טאָג אויף ייִדיש" – קורצע דיאַלאָגן פֿון פֿרימאָרגן ביז בײַ נאַכט. דאָס קען זיך אויך אַרײַנפּאַסן אין דער סעריע, כאָטש מײַן באַוואָרעניש איז אַז דער "העלד" פֿון די דיאַלאָגן איז אַ מיטלשול-סטודענטד און נישט קיין אוניווערסיטעט-סטודענט. נו, ווען ער וועט עס האָבן פֿאַרטיק וועט מען קענען באַטראַכטן אין וואָסער רעם עס אַרויסצוגעבן.

נאָך אַ פּראָיעקט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן איז צו ווידיעאָפֿילמירן מענטשן אויף ייִדיש וואָס דערציילן וועגן זייער לעבן פֿאַרן חורבן. דאָס טו איך מיט דבֿורה קאָסמאַן-נירענבערג (געדענקסט זי? זי האָלט שוין בײַם חתונה מאַכן אַ זון...) און שׂרה צפֿתמאַן (וואָס דערווײַל האָט זי נאָך גאָרנישט געטאָן אין דעם). אונדזער געדאַנק איז אַז וועגן חורבן ווידעאָפֿילמירט מען גענוג. מיר זוכן אינפֿאָרמאַנטן מיט אַן אויטענטישן ייִדיש (אויף וויפֿל דאָס איז מעגלעך. און דאָס איז שוין כּמעט אוממעגלעך) וואָס האָבן וואָס צו דערציילן וועגן טאָג-טעגלעכן לעבן אין מזרח-אייראָפּע, פֿאַרשטייט זיך, נישט וועגן די "גרויסע" געשעענישן, נאָר וועגן די "קליינע". דערווײַל האָבן מיר געהאַט דרײַ אַזעלכע אינטערוויוען אַנץ אינטענסיווע, צו דרײַ שעה יעדער איינער. זיי זענען געווען זייער אינטערעסאַנט, אָבער זיי האָבן פֿאַר מיר צוויי חסרונות: 1) עס פֿאַרשלינגט אָן אַ שיעור צײַט. אַזאַ אינטערוויו קען נעמען "ברוטאָ" אַ טוג צײַט. בעיקר ווען דו טראַכסט אַז ס'וועט אונדז אויסקומען צו פֿאָרן קיין תּל-אָבֿיבֿ. 2) מיר פּערזענלעך גיבן זיי "גאָרנישט", כ'מיין אַקאַדעמיש. נחת-רוח האָב איך פֿון די שמועסן, אָבער אַקאַדעמיש קען מיר גאָרנישט צוקומען. מיינט עס אַז מיר דאַרפֿן באַשליסן אָפּגעבן אַ סך צײַט טאַקע "פֿאַר דער אייביקייט", נישט פֿאַר אונדז.

די גרענעצן פֿון אַזעלכע אינטערוויוען זענען אויך פֿײַנלעך קלאָר: מע קען דערציילן נאָר וועגן די דרײַסיקער יאָרן (נישט פֿריִער), און אַפֿילו דעמאָלט זענען די מיטשמועסערס געווען יוגנטלעכע. למשל: מיר האָבן געפֿרעגט צוויי פֿון די מענטשן וועגן חדר (טאַקע צוליב דעם האָבן מיר זיי אינטערוויויִרט), אָבער זיי האָבן פֿאַקטיש שוין גאָרנישט געדענקט (שוין נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם אַז "פּערזענלעכע" זכרונות ווערן שוין פֿאַרמישט מיט דער ליטעראַטור וואָס זיי האָבן געלייענט. פֿאַקטיש פֿאַרשאָטנט שוין די ליטעראַטור די פּערזענלעכע זכרונות). און מיר האָבן זיך געכאַפּט: אָט אַפֿילו מיר, וואָס זענען "אַ ביסל" ייִנגער, וואָס געדענקען מיר וועגן קינדער-גאָרטן?

איז וואָס טראַכסטו וועגן פּראָיעקט? כ'מיין אַז כּדי דער ענין זאָל האָבן אַ ממשות דאַרף מיר מאַכן כאָטש אַ הונדערט אינטערוויוען, און דאָס מיינט אָפּגעבן אַ פּאָר חדשים "פֿון אונדזער לעבן". צי לוינט זיך עס? איך מיין נישט "פֿילאָסאָפֿיש" נאָר טאַקע פּראַקטיש. דאַכט זיך אַז ס'איז נישט צו דערוואַרטן אַז מענטשן זאָלן דאָ איבערגעבן "אומבאַקאַנטן" פֿאָלקלאָר, אָדער אַזאַ סאָרט דאַטאַ. זיי וועלן מן-הסתּם דערציילן כּמעט נאָר "באַקאַנטע" זאַכן, אָבער ס'וועט בלײַבן די מעשׂה אין שטראָם פֿון גערעדטן ייִדיש.

די מעלה איז נישט אַזוי גרויס, כאָטש עפּעס איז עס געוויס פֿאַר די קומענדיקע דורות. איז שרײַב מיר טאַקע וואָס טראַכסטו וועגן דעם. יאָ, צי לוינט זיך צו אינטערוויוירן אסתּר ראָכמאַנען? ווי געזאָגט, מיין איך נישט וועגן חורבן (איין אינטערעסאַנטע זאַך איז, פֿאַרשטייט זיך, אויף וויפֿל די פּאָר אינטערוויוירטע האָבן נישט געקענט אויסמײַדן דעם חורבן). אפֿשר האָסטו אַנדערע קאַנדידאַטן? אַוודאי וואָלט איך געוואָלט אינטערוויוירן סוצקעווערן, כאָטש ער האָט זיך שוין אַזוי פֿיל מאָל אָפּגעזאָגט און כ׳האָב מורא פֿאַר אַ דורכפֿאַל. די טעג איז ער בכלל אין שפּיטאָל, ער האָט זיך שוין אין גאַנצן אײַנגעלעבט אין דער פּסיכיק פֿון אַ קראַנקן מענטש. אונדז גייט דווקא נישט אין "שרײַבערס", כאָטש אויב זיי זענען אינטערעסאַנט וואָלט איך זיי אויך גענומען.

די דרײַ אינטערוויוירטע ביז איצט זענען געווען: סימע סקורקאָוויטש (דו קענסט זי דאָך מן-הסתּם), דערציילט זייער אינטערעסאַנט וועגן ווילנע. און צוויי פּרומע (הײַנט - מאָדערן פּרומע) ייִדן פֿון גאַליציע. האָט איינער דערציילט זייער אינטערעסאַנט וועגן זײַן שטעטל, אָבער ער האָט עס געטאָן אין אַן אויסגעלערנטן ירושלימער (ליטווישן) ייִדיש! איז שרײַב מיר טאַקע וואָס דו טראַכסט וועגן דעם. אפֿשר זענען דאָ אַזעלכע פּראָיעקטן וועגן וועלכע איך ווייס נישט (אויף ייִדיש, פֿאַרשטייט זיך). אפֿשר קענסטו מיר אָנווײַזן אויף אַ ביסל ליטעראַטור (נישט קיין סך, ווײַל כ׳וועל נישט לייענען) וועגן דעם ענין (כ׳דערמאָן זיך דײַן רעצענזיע וועגן לאַנגערס (?) בוך וועגן אינטערוויוען וועגן חורבן).

וואָס נאָך? ווי דו זעסט אַליין זענען דאָס אַלץ DOWN TO EARTH-ענינים, און וואָס איך דערזע איך זיך אַז כ׳האָב פֿאַרלוירן די אינטעלעקטועלע אַמביציע - נישט איך לייען, נישט איך טראַכט אַז איך וועל לייענען, אָדער אויפֿטאָן עפּעס "טיפֿס" אין שרײַבן, אָדער בכלל אין "לעבן". שווער צו דעפֿינירן דאָס געפֿיל. ס׳איז אַ טאָטאַל שלום מאַכן מיט די אייגענע גרענעצן. ברענגט עס אַ ביסל אינעווייניקסטע רו, אָבער מע באַצאָלט פֿאַר דעם אַ גאַנץ גרויסן פּרײַז. מט אַ סך אַמביציע ווערט מען פֿרוסטרירט, אָבער אָן קיין אַמביציע, ווי קען מען אויפֿטאָן עפּעס וואָס זאָל האָבן אַ פּנים?

כ׳שרײַב נישט לענגער, ווײַל איך זע אַז דער בריוו איז זיך שוין גענוג צעוואַקסן (איצט וואַרט איך אויף דײַן ענטפֿער), און ווײַל איך זע אַז איך קען זיך צוגעווינען צו די ברילן... כ׳באַדויער זייער אַז מיר וועלן זיך זען אַזוי ווייניק אין ניו-יאָרק. כ׳וועל מן-הסתּם קומען צו פֿאָרן מיטוואָך דעם 21סטן יוני, אָבער דעם סוף-וואָך פֿלי איך קיין טאָראָנטאָ אויף אַ לעקציע אין ייִדיש. כ׳דאַרף זי האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ (אַזוי ווי זיי צאָלן נאָר 500$, און נישט דעם בילעט, קומט אויס אַז איך מאַך עס אומזיסט), נאָר ס׳איז מיר געווען נישט אײַנגענעם זיך אָפּצוזאָגן, נאָך דעם ווי עטלעכע מאָל איז אַזאַ לעקציע נישט צו שטאַנד געקומען. איז זײַ מיר געזונט און שטאַרק, ווי עס ווינטשט דיר

דײַן [illegible]

אפֿשר דערציילסטו אַ ביסל רכילות אויך אין דײַן בריוו? איך בין דאָ אָפּגעריסן פֿון אַלץ און אַלעמען.

געלייענט דעם אַרטיקל (און אפֿשר צוגעגעבן ביבליאָגראַפֿיע), האָסטו דאָרטן געהאַט אַ לאַפּסוס...

די העברעיִשע סך-הכּלען טויגן אויף כּפּרות. עס דערמאָנט זייער אָן די שוועריקייטן וואָס מע האָט דאָ בײַם צוגרייטן די ענגלישע ABSTRACTS. צו וואָס דאַרף מען דאָס? אַז דער ישׂראלדיקער עולם IS SUPPOSED צו לייענען ענגליש. כ׳בין נאָר דורכגעלאָפֿן דעם טעקסט מיט די אויגן און געזען אַז די שפּראַך איז קיין שפּראַך נישט. טעכניש זענען אָט די העברעיִשע אותיות אין אַ לויפּיקן טעקסט אויך נישט אַזוי אײַנגענעם פֿאַרן אויג. אויב איר האָט נאָר די העברעיִשע אותיות, דאַרפֿט איר אַ ביסל צעשפּרייטן די שורות. אָבער דער עיקר, דאַכט זיך אַז די גאַנצע מעשׂה איז איבעריק.

איז דערווײַל האָב מיר אַ גוטן תּמיד, אַ גרוס אַלענען וואָס אים קומט דאָך מן-הסתּם אויך קרעדיט פֿאַרן נומער, און כ׳וואַרט אויף דײַן בריוו!

דײַן אַברהם